NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13052

MAYSELEKH UN LIDER

Samuil Iakovlevich Marshak

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ס. מאַרשאַק

מײַסעלעך און לידער

מעלוכע-פֿאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1941

ס. מאַרשאַק

מײַסעלעך און לידער

אויטאָריזירטע איבערזעצונג
פון [illegible]

מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס"
מאָסקווע — 1941

אונדזער אָטריאַד

היינט לאדט איינ
דער קינדער־גאָרטנ
פּיאָנערנ צומ פּאראד.
פאר די געסט
ער ווייזט דעמ ייִנגסטנ
וואָראָשילאָווער אָטריאד.

כ׳וועלנ פאָלקנ
גיינ אפילע,
טאנקענ אויסגעשמידט פונ שטאָל.
מירנ אויפשטעלנ
פונ שטולנ
לופט־מאשינעס אָנ א צאָל.



פונ אונדזער טראָט עס דונערנ
די בריקנ די טשוהוניענע,
מיר פאָרנ אפנ דאָנ.
מיר זײַנגענ פונ בודיאָנישנ,
פונ פאָלק פונ דעמ רויטפּאָניקנ
דער שלאָגלער=עסקאדראָנ.

אָט=אָ פּליט אַן עסקאדריליע
לופט=מאַשינעס —
ריי נאָך ריי.
בא די פליִער
אפ די פּלייצעס
צוגעשפּיליעט פליגל צוויי.

אכ, ווי פריידיק,
אכ, ווי גוט איז
מיט צעשפרייטע
פאראשוטנ
שפרינגענ פונ דעמ טאבורעט
אפנ גלאנציקנ פארקעט.

רויטע וואכלײַט
בא דער גרענעצ
גיבנ אכטונג
נאָכאנאנד, —
שטרענג מיר שטייענ
אפ דער וואכטע
אונ באהיטנ
אונדזער לאנד.

אפ דער לאָנקע
אפ דער ברייטער
שפּילן פּלייטן
און טרומייטן,
און דאָס פּײַקל פּויקט צום טאקט,
טאנצן שלאכט־לײַט א האָפּאַק.

ס'טאנצן פריילעך
רויטע פלאָטער,
רויטארמייער
און פּילאָטן,

ס'טאנצט מיט זיי
דער סאניטאר,
און עס טאנצט
דער קאָמיסאר.



אפ דער טאטשאנקע

אכ, איר פערד מײַנע, איר װוילינ,
גלאנציקע, געוואשענע,
איכ וועל קיינמאָל זיכ ניט פוילנ
כאָווענ אײַכ אונ פאַשענ אײַכ.

כ׳וועל די גריוועס אײַכ צעקאמענ,
אײַכ מיט זײַד באהענגענ,
אינ ניט אטלעס, אונ מיט סאמעט,
אונ מיט רויטע סטענגעס.
מײַנ מאטשאנקע וועט איר טראָגנ,
איבער פעלדער יאָגנ,
אונ פונ קוילנווארפער שיסנ
וועט מײַנ בערל מישע.



דער טאַנקיסט

אָט איז דער העלדישער טאַנקיסט.
ער זיצט אין טאַנק אין שווערן.
ער טוט זיך דרייסט אין שלאַכט א ריס
אין ווייסט ניט פון קיין שטערונג.

עס שטייט אין וועג א טאבורעט,
קומט אָן דער טאנק און אים צעטרעט,
אין וועג אנטקעגן קומט א מיאטש.—
ער פאלט ארונטער און ער פּלאַצט.

פינף יאָר איז אלט אָט דער טאנקיסט,
צען יאָר וועט נאָך אריבער,
און אויסוואקסן ער וועט א ריז,
א וואונדערלעכער גיבער.

אנטקעגן פיינט וועט אונדזער העלד
אין טאנק זיינעם זיך טראָגן.
ער וועט דעם פיינט פון אונדזער פעלד
אין אלדי ווייט פאריאָגן.

דער פליִער

איר קוקט נאָר אָן
מײַן צאַליקן,
וואָס ענלעך איז
אַפּ טשקאַלאָוון.

און עפּשער גאָר
אַפּ גראָמאָוון,
וואָס אַלע בירגער
קאָנען אים!

אַצינד זײַן לופט־מאַשין ער פירט
אין שטוב אַפּ די פּאַרקעטן,
נאָר פליִען וועט דער יאַט אַפּ איר
הויך, הויך צו די פּלאַנעטן.



דער מיליציאָנער

כײַ אין שנײ און סײַ אין רעגן
פיר איך אָן מיט דער באַוועגונג.
שווינדיק יאָגן הער און הין
א מאשין נאָך א מאשין.

אוטאָבוסן און טראמווייען
ווייז איך אָן א וועג א פרייען.
הייב איך אויף די האנט אפ ניין —
בלייבן אלע, אלע שטיין!



דער ליזשניק

איך טרײַב מײַנע הילצערנע פערד
אפֿן שניי.
מײַן גרינגינק שליטעלע
יאָגט זיך נאָך זיי.

מיר לויפֿן און פֿליִען
און ווערן ניט מאַט.
איך פֿיר צום אָטריאַד
אונדזער שווערן האַרמאַט.

דער קאפיטאנ

דער קאפיטאנ, דער רויטער העלד,
ער קוקט אינ זיינ שפאקטיוו.
ווי נאָר דער קאפיטאנ באפעלט,
מיר שיסנ פונ דער שיפ.

געטריי מיר היטנ אונדזער יאמ,
פונ אונדזער לאנד דעמ ברעג,
אונ אלע פיינט מיט פייער־פלאמ
פארצאמענ מיר דעמ וועג.



דער קוכער

מיט א בראזג אינ מיט א טראסק
פאָרט די פעלד־קיך אפנ גאס,
אינ דער קוכער שטייט צעהיצט.
אפ זיינ קאָפ — א ווייסער מיצ.

אינ דעמ קעסל דעמ צעגליטנ
גרייט ער גאָר א שיינעמ מיטיק —
דרייצנ לאָקשנ מיט א גרויפ
אינ א סאמאָווארנע טרויב.

שול-כאווירימ

געווענ א טאָג א שיינער
מיט פרילינג-זונ פארפולט.
מיר האָבנ זיכ איניינעמ
אהיימ געקערט פונ שול.

די מאנטעלעכ צעשפיליעט,
די היטעלעכ פארדרייט.
א ווינטעלע א שטילינקס
האָט שטיפעריש געווייט.

מיט פרילינגדיקע גראָזנ
די ערד האָט זיכ צעגרינט.
מיר האָבנ זיכ געלאָזנ,
ניט קלערנדיק וויהינ.

מיר האָבנ זיכ געטראָגנ,
געבלאָנקעט הינ־אינ־הער,
אפ גאסנ אינ אפ ראָגנ,
אפ פרילינגדיקער ערד.

צופרידענע מיר האָבנ
איניינעמ געשפאצירט,
צוריק אהיימ אינ אָוונט
זיכ איבגעקערט מיט דיר.

א שילער

ייִנגל, ייִנגל,
זאָג, װאָס פֿליסטו
אזוי פֿרי
אין שיל אריינ?
קימסט דאָך שטענדיק
אכט אזייגער,
אין אצינדערט
איז ערשט נײַנ.

מילן

ווייע,
ווייע,
ווינט אין פעלד,
וועלן
מילן
מאָלן מעל.

יעלן
מאמעס
מאָרגן באקן
זיסע
זעמעלעך
געשמאקע!

„וואנקע־וואסטאנקע”

עס שלאָפט שוין דאָס קעלבל, דאָס הינטל,
דאָס שוועלבל.
עס שלאָפן די אויפּעס, די רינדער און שאָף.
נאָר איינער א ייִנגל, זיין נאָמען איז וואנקע,
זיין צונאָמען „וואסטאנקע”, אים נעמט ניט
קיין שלאָף.

בא וואנקעלעס בעטל שטייט כאנקע, שטייט עטל,
זיי וויגנ אימ איינעט, פארוויגנ אינ שלאָפ,
נאָר כ'העלפט נית קיינ טיינעס, וויל
וואנקעלע מיינער —
ער ליגט זיכ, שפרינגט אופעט, אינ שטייט
אָנ א סאָפ.

מע דערט וואנקענ איינ מיט א קאָלדרע
אפ וואטע,
איז וואַרפט ער די קאָלדרע אראָפ אונ ער וואַכט.
ער הייבט אלצ דעמ קאָפ, אונ ער ווערט נית
פארמאטערט,
ער שטייט אָפ אינ בעטל א גאנצינקע נאכט

געקומענ צו וואנקענ א קינדערשער דאָקטער,
באטראכט אימ, הייבט אופ אימ אונ
שטעלט אימ אראָפ:
— מיינ טייערער וואנקע, דיר ליגט זיכ נית, —
זאָגט ער, —
וויל פיל איז דיינ בייכל אונ פוסט איז
דיינ קאָפ!

דער ריז

איינס, און צוויי, און דרײַ, און פיר,
הערט א מײַסעלע איצט אויס,
אין דער הונדערטסטער קוואַרטיר
וווינט א ריז בא אונדז אין הויז.

יעדן פרי ער הייבט אָן שיסן
פון הארמאַט, וואָס אפ זײַן קישן.
ער פאַרפירט א הייסן שטרײַט
מיט די שיפן, וואָס אין ווײַט.

מיט זײַן וווּנדערלעכן קויעך
אפ א שטריקל פירט ער צו
פון זײַן שטוב אזש ביזן טויער
פול מיט רײַזנדער א צוג.

און אין פרילינג, ווען עס רינען
ריטשקעלעך אַף יעדן טראָס,
גייט דער ריז אונדזערער דינען
אַפן יאַם אין רויטן פלאָט.

שיף נאָך שיף ער פירט ארויסעט
אַפן ברייטן אָקעאַן,
און ער וואקסט, דער ריז דער גרויסער,
יעדן טאָג און נאָכאַנאַנד.

אין זאָאָפּאַרק

יעדן פֿרי מיר שטייען אויף.
אין מיר טוען הויך א רוף:
— מיאו־מיאו־מיאו־מיאו!
האו־האו־האו־האו!

וועכטער, גיכער זיך באַווייז,
ברענג אונדז עסן, ברענג אונדז שפּייז!

לאָזט דער וועכטער לאַנג ניט וואַרטן,
און ער קומט אין ווייסן פֿאַרטעך,
ראַמט דעם גאָרטן אויף מיט פֿלייס,
נאָר ער ברענגט אונדז ניט קיין שפּייז.

אונ מיר שרײַענ דורכ די גראטעכ:
— גיט א מיטיק אונדז א זאטנ!
אונ מיר טומלענ אזוי לאנג,
ביז א מיטיק מע דערלאנגט.

בא דעמ מיטיק בא דעמ שײנעמ
הערט מענ ניט קײנ װאָרט פונ קײנעמ.
מיר פארגעסנ דאנ אָנ אלצ,
אונ מיר שטאָפּנ אָנ דעמ האלדז.

דאָס איז ניט קײנ גרינגע ארבעט,
ס'רינענ טראָפּנ שװײס װי ארבעכ.
נאָכנ מיטיק װערט מענ מאט,
װאָלט א דרעמל ניט געשאדט.



כאַפּט אַ דרעמל באַלד דער העלפאַנד
און דאָס פּיקל און דאָס זעלפל.
ס'לאָזט דער בעהעמאָט זיך גיין
טאָן אַ דרעמל אין באַסיין.

אויפן דעק דער קראָקאָדיל,
ווי אַ קלאָץ ער ליגט דאָרט שטיל,
און דאָס בערעלע דאָס ברוינע
ברומט פון שלאָף לויט זיין געוווינהייט.

נאָר דער פּאָני אונ דער קעמל
צו דער ארבעט גיכ זיכ נעמענ.

אפנ הויקערדיקנ קעמל,
ווו מע וויל, דערפאָרנ קענ מענ.

ער דערפירט אײך צו דער שטײג,
זענ דעמ אָדלער אפ דער צװײג.
ער דערפירט אײך צו דעמ פּארקנ,
װו עס ליגט דער לײב דער שטארקער.
ס'פירט דער קעמל אײך ארומ
אפ די הײקערס אומעטומ.

אינ די פערדעלעכ באַזײנ,
װי זײ יאָגנ אינ די רײנ,
פאָכענ, פאָכנ הער־אונ־הינ
מיט די עקנ אפנ װינט.

נאָר אָט הײבט אָנ װערנ קילער,
אינעמ זאָאָפּארק װערט שטילער.
ס'נעמט דער אײלעמ זיך צעגײנ,
אונ מיר בלײבנ אײנ אלײנ.

א גוטער טאָג

אין דער היים
דעם טאַטנס הוט איז,
אין זיין מאַנטל
הענגט באַם טיר.
ס׳איז א ריטאָג.
אך, ווי גוט איז,
ס׳בלייבט דער טאַטע
היינט מיט מיר!

כ׳וועל אין בעט
זיך מיטן טאַטן
יעגן אלץ
גענוי באראטן.

צי דעם טאָג
פארבּרענגען היינט
מיט באַוויירים
און מיט פרײַנט.

צי מיר וועלן
גאָר א פּאָר טאָג
היינט זיך אויסבאָדן
אין טײַך.
אין באָטאַניש
אין גאָרטן
עפּשער גאָר
זיך לאָזן גלײַך.

אָדער פון פּאַפּיר
א בויגן
לופט־שלענג
אויסשנײַדן געשווינד.
און זיי לאָזן,
ווי די פויגל,
זיך א דריי טאָן
מיטן ווינט,

און זיי טרײַבן
העכער, העכער
איבער מויערן
און דעכער...
נאָר די מאַמע וועקט.
זי זאָגט:
שטייט שוין אויף,
שוין האַלבער טאָג!..

זיך אַרומגעיאָגט פֿריידיק,
זעצן מיר זיך גאָלן ביידע
(כאָטש געגאָלט זיך
דאָס געזיכט
האָט דער טאַטע,
און ניט איך).

נאָכן פֿרישטיק
נאָך דעם זאַטן
זײַנען מיר זיך מיטן טאַטן
דורכגעפֿאָרן אין טראַמווײַ
מיט די נומערס
נײַן און דרײַ.

כ'האָב דערנאָך זיך מיטן טאַטן
אַפּ אַ „זיס"
געטאָן אַ טראָג,
זיך געלאָזט מיט עסקאַלאַטאָרס
אונטער מאָסקווע —
אין מעטראָ.

זיך פאַרזוועט מיר האָבן שיסן
אין אַ פּיקסל
אין דעם „טיר",
ס'האָט געטראָפן, דאַרפט איר וויסן,
זעקס — דער טאַטע,
איך — נאָר פיר.

אַזאַ בלויער,
אַזאַ בלויער
איז דער הימל הײַנט געווען
איבער לויכטנדיקע מויערס,
איבער טויערן און ווענט.

ס'האָט אין זאָאָפּאַרק דער טאַטע
מיך געפירט פאַרבײַ די גראַטעס.

ס'האָבן וועכטער
דאָרט געשפּייזט
קראָקאָדילן,
ווייסע מייז.

כ'זע: פאר העלפאנדן פארטראכטע
האָט מען בירעקעס געבראכט דאָרט.
אין באסיין
זיך רייק באָדט
א פארשיין --
א בעהעמאָט.

אינעם פארק,
אין סאמע מיטן
אפ א פּאָני
כ'האָב געריטן, —
ס'איז א פערדעלע
א קליינס,
אזא ווילינקס,
אזא שיינס.

הייס און דאַרשטיק
און פארמאטערט,

קוימ געפונענ
א קיאָסק.
ס'הייסט דאָרט אָנגיסנ
דער מאטע
קילנ קוואס
א פילע גלאָז.

קיל אונ שטימיק
איז געווענ
אָט דער זיסער
פרישער קוואס.
אויסגעטרינקענ
כ'האָב א גלעזל,
נאָר כ'וואָלט אויסגעזופט
א פאס!

פונ טראמוויי
זיכ שיטנ פונקענ,
ער דערפירט אינדז
ביזנ ראָג.
אפ די טרעפ
כ'האָב אוזש געהונקענ,

אָנגעמאטערט
פונ דעמ טאָג.

אינ מײַנ טיר
איכ קלינג אָנ הײמיש,
אפנ שוועל
א טראָט געטאָנ.
אכ, ווי רויִק אינ דער היימ איז,
ווענ כ'בינ אינ דער היימ ניטאָ.

א שיפל

עס שווימט, עס שווימט א שיפל,
א שיפעלע פון גאָלד.
עס פירט פאר אונדז מאטאָנעס,
מאטאָנעס אָן א צאָל.

עס איילנ די מאטראָסנ,
זיי ארבעטנ מיט פלייס.
מאטראָסנ ניט קיינ פראָסטע,
נאָר דרייצנ פיינע מייז.

עס שיימט, עס שיימט דאָס שיפל,
דאָס שיפל ווערט ניט מאט.
פונ שפינוועבס — די קאנאטנ,
דער זעגל — פונ א בלאט.

באמ שטרויענעמ באמ רידער
עס זיצט א פעטע היג,
עס פירט פאר אינדז דאָס שיפל
ציטערקעלעכ א פינט.

קאטערקע שטייט אינ שיפל
אונ פירט עס דרייסט, געיאגט.
דער ברעג! — שרייט אויס די קאטשקע,
היי, גיב, דעמ אנקער!.. קריאק! —



דער רײַטער

געווענ איז דאָס פערד מײַנס דאר ווי א שפאָנ,
דאר ווי א שפאָנ,
דאר ווי שפאָנ.
מײַנ פערד האָט אינ ערגעצ קײנ טראָט ניט געטאָנ,

קײנ טראָט ניט געטאָנ,
קײנ טראָט ניט געטאָנ.

כ'האָב אײנמאָל זיך רײַטן געלאָזן אין װעג,
געלאָזן אין װעג,
געלאָזן אין װעג.
האָט ער זיך געבריקעט, געפּאַכט מיטן עק,
געפּאַכט מיטן עק,
געפּאַכט מיטן עק.

ער רירט זיך פֿון אָרט ניט, עס העלפֿט ניט קיין שמיץ.

עס העלפֿט ניט קיין שמיץ,
עס העלפֿט ניט קיין שמיץ,
ער לייגט זיך אין גראָז און ער ליגט דאָרט ביז איצט.

ער ליגט דאָרט ביז איצט.
ער ליגט דאָרט ביז איצט.
ניט רייטנ, ציפֿיק נאָר געמייזט האָב איך גיין.
געמייזט האָב איך גיין.
געמייזט האָב איך גיין.
דאָס לידעלע ווייטער דערזינגט שוין אליין.
דערזינגט שוין אליין,
דערזינגט שוין אליין.



דאָס נאַרישע מײַזל

זינגט די מויז איר קינד אינ נאָרע:
— שלאָף מײַנ קינד אַנטשלאָף זיך שוינ.
כ'וועל דיר ברענגענ קערנער קאָרנ,
שענקענ דיר א שטיקל ליכט.

זאָגט דאָס מײַזעלע פֿונ דרימל:
עס געפֿעלט מיר ניט דײַנ שטימע.
הייב זיך בעסער, מאַמע, אויף,
גיי אינ זוך אנ אַמ מיר אויף.

לויפֿט אַוועק די מאַמע מויז
צו דער קאַטשקע קומט אינ הויז:
— מומע קאַטשקע, קומ געשווינד
וויגנ — אײַנוויגנ מײַנ קינד.



קומט דאָס קאַטשקעלע צו לויפן:
— גא־גא־גא, שלאָף איין, נ[illegible] אייפל.
אז דער רעגן וועט פארביי,
ברענג איך ווערעמלעך דיר דריי.

ענטפערט איר דאָס נאריש מייזל:
— גיי דיר, קאטשקע, פון מיין הייזל,
ס'איז דיין שטים פאר מיר צו גראָב,
ס'טוט פון איר אזש וויי דער קאָפ.

לויפט אוועק די מאמע מייז,
רופט פונ זומפ דעמ פראָש ארויס.
— קומ, מיינ ליבער פראָש, געשווינד
וויגנ — איינוויגנ מיינ קינד.

קומט פונ זומפ דער פראָש צו שפרינגענ:
— קוא־קוא־קוא, ער הייבט אָנ זינגענ, —
שלאָפ, מיינ מייזעלע מיינ גליק,
שענקענ וועל איכ דיר א פליג.

ענטפערט איר דאָס נאריש מייזל:
גיי דיר, פראָש, פונ אונדזער הייזל,
זינגסט מיר אומעטיק אונ פויל,
אזש עס כאפט מיכ אָנ א גרויל.

לויפט אוועק די מאמע מויז
צו דעם כאזער אין זיין הויז:
— ליבער כאזער, קום געשווינד,
וויג מיר גיכער איין דאָס קינד.

קומט דער כאזער אינעם שטיבל:
— שלאָף, מיין טייערע, מיין ליבע,
כריו־כריו־כריו, אנשלאָפן זיער,
שענק איך דיר א זיסע מער.

ענטפערט אָפ דאָס נאריש מייזל:
— גיי דיר, כאזער, פון מיין הייזל.
נאָר דו כריפּעסט, נאָר דו שרייַכסט,
און דיין קאָל אין אויער רייסט.

הייבט די מאמע מויז זיך אוף
און דאָס לאָשעקל זי רופט:
— ליבער לאָשעק, קום געשווינד,
וויג מיר גיכער איין מיין קינד.



האָט צעהירזשעט זיכ דער לאָשיק
אפ זיינ הירזשענדיקנ לאָשנ:
— אי־האָ־האָ, שלאָפ איינ געשמאכ,
האָבער שענק איכ דיר א זאל.

זאָגט דאָס מייזעלע פונ דרימל:
— עס געפעלט מיר ניט דיינ שטימע.
פונ דיינ הירזשענדיק געזאנג
כ'קענ נאָכ ווערנ זייער קראנק.

לויפט אוועק די מאמע מויז,
רופט פונ טײַך דעמ העכט ארויס:
— קומ, מײַנ ליבער העכט, געשײַנד,
וויג אָפּ גיכער אײַנ מײַנ קינד.

איז דער שטומער העכט געקומענ
אונ האָט ברײט דאָס מויל צענומענ.
זינגט ער, זינגט ער דאָרט,
נאָר מע הערט פונ אימ קײנ װאָרט.

זאָגט צו אימ דאָס נאַריש מײַזל:
— גײ דיר, העכט, פונ אינדזער הײַזל,
ס'איז דײַנ זינגענ אָנ א טאמ,
קענסט ניט זײַנ פאר מיר קײנ אמ.

לויפט אוועק די מאמע מויז
צו דער שווארצער קאַץ אין הויז:
— קום, מיין מומע קאַץ, געשווינד
וויגן — איינוויגן מיין קינד.

קומט די קאַץ און דרייט דאָס עקל:
— מיאו־מיאו! שלאָף מיין ברעקל.
מיאו מיאו, — דרימל איין,
מיאו, מייזעלע דו מיין.

זאָגט דאָס מייזעלע פון דרימל:
— אך, ווי זיס עס איז דיין שטימע,
כ'איז דיין זינגען מיט א טאַם,
זיי מיר, קאַץ, א גוטע אַם.

קומט די מאַמע מויז געשווינד:
פוכט דאָס בעטל, ווײ און ווינד!..
זוכט א שעה און נאָך א שעה,
כ'איז דאָס מייזעלע ניטאָ.

פארוואָס האָט מען דעם קאָטער א נאָמען געגעבן קאָטער

(א יאפאניש פאלקס-מעשהלע)

בא אינדזער באָבען און זיידן
האָט געהאָדעוועט זיך אין פריידן
א קאָטערל א גרויער.
מיט אייגעלעך
מיט בלויע.

האָבן פארקלערט זיך די באָבע און דער זיידע:
— ס'וואקסט דאָס קאָטערל בא אונדז אין פריידן,
אויסגעכאָוועט, געגעבן אים עסן,
נאָר א נאָמען אים געבן פארגעסן.

לאָמיר „כמארע"
א נאָמענ איצט געבנ,
זאָל ער זיינ,
ווי די כמארעס, וואָס שוועבנ,
זאָל ער אויסוואקסנ העכער, העכער
פונ די הייזער,
פונ די דעכער.

— ניינ, — ענטפערט די באָבע דעמ זיידנ. —
פונ דעמ נאָמענ עס לוינט גאָר ניט ריידנ.
אפ כמארעס דער ווינט קומט צו לויפנ,
אונ קלייבט זיי צונויפ גאנצע הויפנס.

מיט א פּײַף
טרײַבט דער ווינט זיי געשווינד.
כ'וועל דאָס קאָטערל אָנרופֿן
„ווינט".

— ניין, מײַן אַלטע, —
דער זײדע טײַנעט, —
דער ווינט בײגט די ביימער אײַנעט.
נאָר די יאַנט קען זיך קעגן אים שטעלן,
איז א נאָמען געבן „יאַנט" מיר ייעלן.

זאָגט די באָבע צום זײדן מיט צאָרן:
— ביסט מיב אַף דער עלטער געוואָרן.
האָבן זיך איינס, גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד
מײַזל-גאַנעווײַל גריזעט די וואַנט.

בא דעמ מײזל די צײנדלעכ װי אײזנ,
כ'װיל מײנ קאָטערל אָנרופנ „מײזל“.

זאָגט דער זײדע: — אלטיטשקע מײנע!
דער קאָטער דאָס מײזל שלינגט אײנעמ.
דער קאָטער
איז שטארק אונ געראָטנ —
עפשער ריפ: דאָס קאָטערל — „קאָטער“?

בא דער גרענעצ

באמ גרענעצ א וויינט א מאנטשזשורישער הודעט,
עס שפאנענ צוויי פריינט איבער שנייִקע הרודעס.
דער וואכמאנ דער העלד אונ זיינ שפיר-הונט אָלעג.
א פראָסט אונ א שניי-ווינט באגלייט זיי אינ יועג.

דער וואכמאַן רייסט פלוצעם די ביקס פֿין דער פּלייצע,
אַלעג ציטערט אופעט, א שפרונג טאָן ער גרייט זיך.
אנטקעגנ, אין שניי־גריב, בלויז עטלעכע טריט,
עס זיצט ווי א בער, א שפיאָן, א באנדיט...

פּאַרייך האָט אַלעג זיך א ריס געטאָן מינטער,
דער וואכמאַן שרייט אייסעט — באנדיט! גיב זיך אונטער! —
ער טוט זיך געיאָגט צו דער שניי־גריב א לאָז,
נאָר ס׳ענטפערט דעם וואכמאַן א הילכיקער שאָס...

פאַרווינדעט געפאַלן אין שניי איז דער וואכמאַן,
א גרייער טימאַן האָט די אייגן פאַרמאַכט אים.
נאָר ס׳דריקט אָן דער וואכמאַן די ביקס זיין דער האַנט,
אין שיסט אין באנדיט אייס צוויי מאָל נאָכאַנאַנד.

שפרינגט אױף דער באנדיט, ס׳האָט אין פיס אים געטראָפן.
נאָר דאָ איז אַלעג אים דעם וועג שוין פאַרלאָפן,
דעם פיינט פאַרן גאָרגל ער כאַפט אין ער ציט,
אין ס׳פאַלט א באַזיגטער דער ווייסער באנדיט.

א כאָפּ צום באנדיט! רום דעם העלדישן וואכמאַן!
מיט ערד מע האָט אין זאַסטאַווע געבראַכט אים,
אין מאַסקווע אים היילן דאָקטוירים איצט פיל...
אזא איז געווען בא די יינגלעך א שפּיל.

אינ אָט די טעג

אופגעפראלט האט אוקראינע
ברייט
דעמ טײַער פונ איר גרענעצ,
ברייט
דעמ מויער פונ איר גרענעצ
ווײַסרוסלאנד האט אײַנגעפראלט.
אלע האבנ מיר דערזענ איצט
פעלדער, וועלדער, לאָנקעס גרינע,
אלצ, וואָס אײַגנ איז געווענ אונדז,
האָט דערזענ איצט יונג אינ אלט.
רויטע פאָלקנ קומענ אָנעמ.
ס'נעמט זיי אופעט
ראָוונע,
דובנע,

און מיט גרוסנ און מיט קישנ
ס׳גאנצע פאָלק אקעגנ גייט.
און עס בליִענ רויטע פאָנענ,
ווי א כאטע, ווי א שטיב נאָר,
אינ איקריינער אינ ווייסריסנ
זיי באגעגענענ מיט פרייד.

אפנ וועג א רויטארמייער
אפ די הענט הייבט אימ א יאטל,
א פארמאָגערטנ, א הוילנ.
זאָגט אימ: ציטער ניט, פעטריס!
וועסט בא אינדז אינ לאנד פונ ראטנ
אויפוואקסנ א יונג א ווילדער,
וועסט זיכ לערנענ אונ וועסט ווערנ
אינעמ גאנצנ לאנד באריימט!

אינהאלט

[illegible] 3

[illegible]

[illegible] 13

[illegible]

[illegible] 16

[illegible] 17

[illegible] 18

[illegible] 19

[illegible]

[illegible] 22

[illegible] 23

[illegible]

[illegible] 27

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] 44

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] 58

[illegible] 61

С. МАРШАК

СКАЗКИ И СТИХИ

Авторизованный перевод

[illegible]

[illegible]

Рисунки художников

Пахомова, [illegible],

[illegible] и Чарушина.

Техредактор [illegible]

Корректоры [illegible]

[illegible]

Сдано в набор 3/X [illegible] г.

Подписано [illegible] 18/XII 1940 г.

Формат бум. 70х108 [illegible] 2 п. л.

[illegible] Тираж 10.000 экз.

[illegible] № 560.

Заказ тип. № 192

[illegible]

[illegible]

[illegible]